# שיחות ודברות קודש לפרשת חקת משנת תשע"ג לפ"ק

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת חקת תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת בלק תשע"ג לפ"ק

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען, אז יודען זענען ארומגעגאנגען גאנץ אדום, און עס איז געווען שווער די וועג, ותקצר נפש העם בדרך (במדבר כא-ד), און מען האט זיך אפגערעדט אויף די מן, ונפשנו קצה בלחם הקלוקל. און דער אייבערשטער האט זיי באשטראפט אז עס איז געקומען נחשים, זיי זענען דאך געווען אין מדבר וואס עס איז פיל מיט נחשים, און געווענליך האבן די נחשים זיי נישט מזיק געווען, און יעצט זענען זיי געקומען, און זיי האבן געביסען דעם ציבור, און עס זענען געשטארבען אסאך פון יודען. יודען האבן זיך געכאפט אז מען האט נישט גוט געטון, זענען זיי געגאנגען און זיי האבן געזאגט, חטאנו, מיר האבן געזינדיגט פארן אייבערשטען, און אקעגן משה רבינו, און משה רבינו זאל מתפלל זיין פאר זיי.

**און** דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל נעמען א שרף, ער זאל נעמען א צורה פון א נחש, ושים אותה על נס, און ער זאל עס ארויף לייגען אינדערהייך, און ווער עס וועט קוקען אויף דעם שרף, וועט בלייבען לעבן. משה רבינו האט אזוי געטון, ער האט געמאכט א נחש פון נחושת, פון קופער, און ווער עס האט געקוקט אויף דעם נחש נחושת, וחי, איז געבליבען לעבן. רש"י ברענגט צו א גמרא (ראש השנה כט.), וכי הנחש ממית או מחיה, ווען מען קוקט אויפן נחש, פון דעם שטארבט מען, אדער פון דעם לעבט מען. ווי אזוי האט דער נחש נחושת געברענגט לעבן און שטארבען. אלא, זאגט די גמרא, ווען מען האט געקוקט אויף די נחש נחושת, און יודען האבן משעבד געווען לבם לאביהם שבשמים, מען האט ארויפגעקוקט אויפן אייבערשטען, זענען זיי געבליבען לעבן. ואם לאו היו נמוקים, טאמער מען האט נישט ארויפגעקוקט אויפן אייבערשטען, און מען איז דאך געווען געביסן פונעם שלאנג, זענען זיי געשטארבען.

**און** עס איז א געוואלדיגע פלא, ווייל עס קומט אויס, אז נישט דער נחש הנחושת האט געהיילט, נאר עס האט זיך געוואנדען, אויב מען האט ארויפגעקוקט אויפן אייבערשטען, דעמאלטס איז מען געהיילט געווארן. און טאמער מען האט נישט ארויפגעקוקט אויפן אייבערשטען, איז מען נישט געהיילט געווארן. האט ער געדארפט זאגען, קוקטס ארויף לשמים, אויפן הימל, און ווער עס וועט משעבד זיין לבו לאביו שבשמים, דער וועט געהיילט ווערן, און ווער נישט, נישט.

**נאכדעם** דארף מען פארשטיין, ער פרעגט די קשיא, צו דער נחש איז ממית אדער מחיה. אוודאי איז א נחש ממית. אלא מאי רעדט מען פון דעם נחש נחושת, ווי אזוי עס קען זיין, אז דער נחש נחושת האט געהאט אין זיך א כח צו ממית זיין און מחיה זיין. דער נחש נחושת האט נאר מחיה געווען, עס האט נישט ממית געווען. ווען איינער האט געקוקט אויף דעם נחש נחושת, איז ער געבליבען לעבן. אבער דער וואס איז געשטארבען, איז געשטארבען ווייל דער שלאנג האט אים געביסען, און ער האט נישט געהאט די רפואה, פון קוקען אויפן נחש הנחושת. וואלט געדארפט זיין די שאלה, והביט אל נחש הנחושת וחי, וכי הנחש מחיה, ווען מען קוקט אויף דעם נחש נחושת לעבט מען. פארוואס פרעגט ער די קשיא, וכי הנחש 'ממית' או מחיה.

**דער** פשט דערפון איז אזוי, עס שטייט אין די גמרא (ברכות לג.) אז עס איז אמאל געווען א שלאנג וואס איז ארומגעגאנגען און געביסן, און מענטשען זענען געשטארבען. און מען האט זיך אפגערעדט פאר רבי חנינא בן דוסא. האט רבי חנינא בן דוסא געזאגט, אז ער וויל זעהן וואו עס איז דער לאך פון דעם שלאנג. האט מען געוויזען וואו דער שלאנג באהאלט זיך. איז געגאנגען רבי

חנינא בן דוסא און ער האט ארויפגעלייגט זיין פוס אויף דעם לאך, און ער האט עס צוגעדעקט, איז געקומען דער שלאנג און אים געביסן, און עס האט גארנישט פאסירט פאר רבי חנינא בן דוסא. איז מען געגאנגען און מען האט געקוקט, האט מען געזען אז דער שלאנג איז געשטארבן. האט רבי חנינא בן דוסא געזאגט פאר די מענטשען וואס האבען דאס צוגעזען, ראו, זעהט, לא הנחש ממית, דער נחש הרג'ט נישט, אלא החטא ממית, אז מען זינדיגט שטארבט מען. די אלע וואס האבען געזינדיגט, ווען ער גייט נעבן א נחש ווערט ער געביסן און ער שטארבט, אבער א יוד ווי רבי חנינא בן דוסא וואס זינדיגט נישט, האט דער נחש נישט געהרג'ט.

**דער** אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין אלע בעלי חיים, אז זיי טוען נישט הרגענען פון זיך אליין. נאר ווען א מענטש איז נדמה לו כבהמה (שבת קנא:), ער קוקט נישט אויס ווי א צורת אדם, ווערט ער געביסן. אבער סתם אזוי שטייט אין פסוק (בראשית א-כו), אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אדם הראשון, אז ער קען שולט זיין אויף אלע בעלי חיים. **א בעל חי דארף מורא פון א מענטש, און נישט דער מענטש פון א בעל חי.** נאר אז מען זינדיגט, איז נדמה פאר דעם נחש און פאר די אנדערע בעלי חיים, כאילו דער מענטש איז אויך נישט קיין אדם, וועגן דעם בייסט ער אים, און ער שטארבט. דער נחש איז נישט ממית, דער חטא וואס מען האט, און אז מען גייט צו נעבן א נחש, דורך דעם שטארבט מען.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **גר"א**, אז עס שטייט אין די גמרא (סנהדרין עח.) אז די ארס, די גיפט, פון א נחש, בין שיניו הוא עומד, ליגט אים צווישן די ציין. ער דארף נישט ארויסגעבן די גיפט פון זיך, די גיפט ליגט אים ביי די ציין, און תיכף ווען ער גייט צו, און ער געט א בייס, האט ער שוין געהרג'ט דעם מענטש. עס איז א נפקא מינה כלפי דיני נזקין (ב"ק כג:), אז עס איז נישט קיין גרמא, נאר בין שיניו מונחים.

**האט** דער **גר"א** געזאגט, אז די אותיות פון 'נחש', אין א נו"ן מיט א שי"ן און אינמיטן איז דא א חי"ת. עס איז דא א 'שן', א שי"ן און א נו"ן, די צוויי אותיות פון נח"ש, און אינמיטן איז דא דער אות חי"ת. די 'שטן' וואס רעדט צו אז מען זאל זינדיגען, איז אויך דא א שי"ן מיט א נו"ן פון די צוויי זייטן, און אינמיטן איז דא די אות טי"ת. קומט אויס, אז נחש און שטן ביידע האבען אין זיך די אותיות 'שן', נחש האט די אותיות 'שן', און אינמיטן איז א חי"ת, און שטן האט די אותיות 'שן' און אינמיטן איז א טי"ת. די חי"ת מיט די טי"ת דאס איז 'חט'. האט מען געזאגט, דו זאלסט וויסן אז נישט די נחש איז ממית. נאר ארסו של נחש, די גיפט וואס דער נחש האט, בין שיני"ו הוא עומד, דאס ליגט צווישן די צוויי אותיות פון 'שן', די חי"ת פון צווישן די 'שן' פון נחש, און טי"ת פון צווישן די 'שן' פון שטן, וואס דאס איז דער חטא, דארט ליגט די כח פונעם נחש וואס איז ממית.

**קומט** אויס, אז בעצם דער נחש האט נישט קיין כח צו בייסן, נאר אז מען זינדיגט, דעמאלטס קען ער בייסען. פון א נחש האט א מענטש מורא, אז עס וועט אים בייסען. ווען ער האט אבער א שפילצייג א נחש, א נחש נחושת, ווייסט ער אז ער דארף נישט מורא האבען, ווייל ער קען אים נישט בייסען, ווייל ער איז דאך א טויטע נחש, א נחש נאר פון נחושת. א יוד דארף וויסן, אז א אמת'דיגע נחש, איז נישט מער ווי א נחש נחושת, ער קען אויך נישט בייסען. ווייל נישט דער נחש איז ממית, נאר דער חטא איז ממית. אז מען האט געזינדיגט, ביזטו שולדיג אז מען האט דיך געביסען, ווייל דער עצם נחש אליין, איז נישט מער ווי א נחש נחושת. פונקט ווי א נחש נחושת קען נישט ממית זיין, קען א נחש אויך נישט ממית זיין.

**און** ווען יודען האבען געהאט די הארה, די השגה, און ווען מען האט געקוקט אויף דעם נחש נחושת, האט מען זיך דערמאנט דערפון, אז משה רבינו לערנט אונז מיט דעם, אז מען זאל וויסן אז א נחש בייסט נישט. א נחש איז אזוי ווי נחושת, ער קען גארנישט טון. נאר וואס דען, ווען יודען זענען משעבד לבם לאביהם שבשמים, דעמאלטס בייסט ער נישט, דעמאלטס איז ער אזוי ווי א נחש נחושת. און ווען זיי זענען נישט

משעבד לבם לאביהם שבשמים, דעמאלטס קומט דער חטא, און דער חטא איז ממית, אבער דער נחש אליין איז נישט ממית. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געהייסען מען זאל מאכען די נחש הנחושת, מיט דעם וועלן יודען משעבד זיין לבם לאביהם שבשמים. און ווען מען וועט קוקען אויף דעם נחש הנחושת, זאל מען וויסן אז יעדע נחש, איז נישט מער ווי א נחש פון נחושת. ער האט נישט קיין כח ממית צו זיין. נאר אז דו האסט געזינדיגט, דעמאלטס איז ער דיך ממית. און דאס וואס מען האט געקוקט אויף די נחש הנחושת, האט צוגעברענגט יודען, אז מען זאל משעבד זיין לבם לאביהם שבשמים. און אויב ער האט עס טאקע נישט אזוי אנגעקוקט, ער האט אנגעקוקט דעם נחש הנחושת, און ער האט געהאלטען אז א נחש קען ממית זיין, אָן א חטא אויך, איז ער טאקע ניזק געווארן. אבער ווער עס האט אנגעקוקט דעם נחש הנחושת מיט די כוונה, צו וויסן אז אפילו אין דרכי הטבע האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט א כח אין אלע בעלי חיים, אז זיי טוען נישט שעדיגן דעם מענטש, נאר ווען ער האט געזינדיגט. דער האט משעבד געווען לבו לאביהם שבשמים, האט נישט פאסירט ביי אים קיין מכשול.

**דאס** זאגט רש"י, די קשיא איז נישט, וכי הנחש ממית ומחיה, צו די נחש הנחושת האט ממית געווען אדער מחיה געווען. נאר רש"י וויל מסביר זיין, ווי אזוי האט דאס קוקען אויף דעם נחש הנחושת צוגעברענגט דערצו, אז מען איז געבליבן לעבן. ווייל דאס האט צוגעברענגט אז מען זאל נתעורר ווערן, וכי הנחש ממית או מחיה, ווענדט זיך דען אין דעם לעבעדיגן נחש אליין, צו ער זאל הרג'ענען אדער מחיה זיין. עס איז דאך נישט דער נחש בעצם, נאר בזמן שמשעבדין לבם לאביהם שבשמים, האט דער נחש נישט קיין כח אז ער זאל זיי עפעס טון. דאס וואס דער נחש קען עפעס טון, איז נאר בשעת ער איז נישט משעבד לבו לאביהם שבשמים, דעמאלטס האט דער נחש א כח.

**און** דאס איז דער מוסר, וואס א יוד דארף פון דעם ארויס נעמען, אז אפילו אין דרכי הטבע, האט דער באשעפער אראפגעשטעלט, אז אם בחוקותי תלכו, והשבתי חיה רעה מן הארץ, **ווען א יוד לערנט, ווען א יוד פירט זיך אויף ערליך, מיט דעם אליין טוט ער מסלק זיין אפילו א זאך וואס איז א מזיק בעצם. מיט דעם וואס מען האלט זיך צו די תורה, האבען נישט די מזיקים א כח אז זיי זאלען קענען שולט זיין.**

*

**עס** הייבט זיך אן דער זומער, און מען צופארט זיך. דארף מען געדענקען, אז מה' מצעדי גבר כוננו (תהלים לז-כג), וואו א מענטש גייט, איז אלעס אויסגערעכנט פונעם רבונו של עולם. פאר יעדען איז אנגעשריבן פונקטליך וואו ער דארף גיין, און וואו ער דארף צו זיין. און ווען ער קומט אויף א מקום, דארף ער וויסן אז מען האט אים געשיקט אויף דעם פלאץ, ווייל ער האט עפעס מתקן צו זיין אויף דעם פלאץ. עס שטייט אין די הייליגע ספרים, אז עס איז דא ניצוצות פון יעדע מענטש, וואס עס איז צווארפען. און ווען מען קומט אויף א געוויסע פלאץ, דארף ער מתקן זיין זיינע ניצוצות וואס זענען אויף דעם מקום. די גאנצע סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט אזוי אויסגעשטעלט, אז א מענטש בלייבט נישט אויף די זעלבע פלאץ, ער דארף אמאל פארן, צו אלץ געשעפטליך, צו וועגן אנדערע סיבות גייט מען אוועק אויף א אנדערען מקום. איז די סיבה דערפאר, ווייל ער האט עפעס מתקן צו זיין אויף יענעם מקום. און אז א יוד ווייסט דאס, ווייסט ער, אז ווען ער קומט אויף א פרעמדע פלאץ, דארף ער אויף דעם פלאץ אויסנוצען נאך מער פאר עבודת ה'. ווייל די גאנצע סיבה פארוואס מען האט אים אהערגעברענגט, איז נישט וועגן די כוונה וואס דער מענטש האט, נאר עס איז כדי אז ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין, כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך, די מלאכים זאלען באגלייטען וואו מען איז, און מען זאל גיין געזונטערהייט און צוריקקומען געזונטערהייט. און מיר זאלען זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.